**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 'דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם' צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס ביי סטעיט רעגירונג איינריכטונגען

***דעקארבאניזאציע אקציע פלענער צו ווייזן די וועג פאר אגענטורן צו קארבאן עמיסיעס רעדוקציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דעם 'דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם', אן איניציאטיוו צו אריבערגיין פון קארבאן צו עלעקטריציטעט אנגעפירט דורך די ניו יארק פאווער אויטאריטעט וואס רעכנט אריין צו אויפקומען מיט די פונקטליכע ציפערן און אינפארמאציע איבער די יעצטיגע ענערגיע און עמיסיעס באנוץ ביי די סטעיט'ס גרעסטע קארבאן-ארויסלאזנדע איינריכטונגען און אזוי אויך אויפקומען מיט 'דעקארבאניזאציע אקציע פלענער' וועלכע וועלן ווייזן די וועג פאר סטעיט אגענטורן איבער פארבעסערונגען צו איינריכטונגען וועלכע וועלן רעדוצירן קארבאן עמיסיעס, אין שטיצע פון די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדן 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act).

"כדי צו ערגרייכן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, שטייען מיר אין שפיץ פונעם וועג אלס א מוסטער, אוועקשטעלנדיג די סטאנדארטן פאר אנדערע צו נאכמאכן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פאווער אויטאריטעט'ס דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם וועט ערמעגליכן ניו יארק'ס רעגירונג קערפערשאפטן צו באקומען א מושג וויפיל עמיסיעס זיי לאזן ארויס און אויפקומען מיט א פלאן צו רעדוצירן די עמיסיעס. די אינסטיטוציעס וועלן אויספארעמען א ריינערע מארגן פאר צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער דורך זייער קלימאט שריט פירערשאפט און ענווייראמענטאלע אחריות."

אלס טייל פון ניו יארק'ס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2023-2024, איז די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) אויטאריזירט און פאראדרנט געווארן צו אויפקומען מיט דעקארבאניזאציע אקציע פלענער פאר 15 פון די סטעיט איינריכטונגען מיט די העכסטע עמיסיעס. אין די צייט וואס די אגענטורן וועלכע אפערירן די איינריכטונגען פירן איין די רעקאמענדאציעס וואס זענען אויסגעלייגט געווארן אין די אקציע פלענער, וועלן מיר פארשנעלערן די פארשריט אין ריכטונג פון א ריינערע געביידע סעקטאר. די צוקונפטיגע דעקארבאניזאציע פראיעקטן וועלן שאפן דזשאבס אין ריינע ענערגיע און וועלן אריינרעכענען שעפערישע נייע טעכנאלאגיעס, ווי צום ביישפיל היץ ענערגיע נעטווארקס וועלכע וועלן פארבינדן מערערע געביידעס צו קארבאן-פרייע ענערגיע מקורות.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די ניו יארק פאווער אויטאריטעט וועט ארבעטן מיט די ענווייראמענט-פריינטליכקייט און איינריכטונג אפעראציעס פירער ביי טייל פון אונזער סטעיט'ס איינריכטונגען מיט די העכסטע עמיסיעס כדי צו אויפקומען מיט דעקארבאניזאציע אקציע פלענער וועלכע וועלן גיבן די אינפארמאציע און ערמעגליכן דאס איינפירונג פון דעקארבאניזאציע פראיעקטן. ניו יארק'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן א צוקונפט פון ריינע

ענערגיע פארלאנגט שריט, און די פאווער אויטאריטעט איז שטאלץ צו העלפן פאראויס שטופן ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן דורך אונזערע אייגנארטיגע רעגירונג קליענטן שותפות'ן."

די פאווער אויטאריטעט לאזט זיך אריין אין א שותפות מיט די נייע קארבאן רעדוקציע איניציאטיוו צוזאמען מיט די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), דעפּארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט ( Department of Corrections and Community Supervision, DOCCS), אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY).

ברייטע באמיאונגען צו אראפנעמען איינריכטונגען פון קארבאן ווערן אקטיווערהייט פלאנירט פאר די פאלגנדע סטעיט איינריכטונגען:

- די עמפּייער סטעיט פלאזא
- די W. Averell Harriman סטעיט אפיס געביידע קאמפוס
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין אלבאני
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין בינגעהעמטאן
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין באפעלאו
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין פאטסדאם
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין אסוויגאָו
- די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין סטאָוני ברוק
- באפעלאו סטעיט אוניווערסיטעט
- ברוקלין קאלעדזש
- די סיטי קאלעדזש פון ניו יארק
- האָנטער קאלעדזש
- עטיקע טורמע
- Pilgrim פסיכיאטרישע צענטער
- ראקלענד פסיכיאטרישע צענטער

דער דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם וועט ערמעגליכן סטעיט קערפערשאפטן צו אויפקומען מיט דעקארבאניזאציע אקציע פלענער וועלכע וועלן פירן צו עפעקטיווע פראיעקטן צו אריבערגיין פון קארבאן צו עלעקטריציטעט.

NYPA שטעלט שוין יעצט צו א ברייטע רייע פון ענערגיע טעכנאלאגיע און ריינע ענערגיע סערוויסעס פאר סטעיט און לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן, אריינרעכנענדיג ענערגיע אוידיטס, פראיעקט אינדזשענירונג, דעזיין, אינסטאלאציע און קאנסטרוקציע פארוואלטונג. טייל פון די ענערגיע שפארזאמקייט פראיעקטן וועלכע זענען איינגעפירט געווארן מיט קליענטן פון NYPA רעכענען אריין איבערגעמאכטע באלייכטונג פאר שפארזאמקייט, סענסארס וואס צינדן זיך אן ווען איינער קומט אריין און לעשן זיך אויס ווען עס איז דא ליכט פון אינדרויסן, געביידע און ענעריגע קאנטראל סיסטעמען, בוילערס, טשילערס, לופט באהאנדלונג סיסטעמען, היץ סטארעדזש, 'מייקראָו-גרידס', סאלאר פאנעל סיסטעמען, 'דיידזשעסטער' גאז סיסטעמען און נייע סארטן ענערגיע טעכנאלאגיעס. NYPA שטעלט צו הלוואות און באקומט אינגאנצן צוריק די קאסטן פון אירע קליענטן.

פאר מער אינפארמאציע איבער די פאווער אויטאריטעט'ס ריינע ענערגיע פראדוקטן און סערוויסעס פאר קליענטן, באזוכט די [פראדוקטן און סערוויסעס] וועבזייטל בלאט אויף NYPA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט צייטווייליגע קאמישאנער, דעניעל פ. מאַרטוּסעלאָו דער דריטער, האט געזאגט,** "די השפעות פון קלימאט טויש זענען ווייט גרייכנד און האבן אן אייגנארטיגע השפעה אויף די וועלכע וואוינען און ארבעטן אינעווייניג אין ניו יארק'ס טורמעס. די DOCCS איז שטאלץ צו זיין א חלק פון דעם דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם און מיט אונזער ראלע ביים אוועקשטעלן די סטאנדארט פאר ריינע ענערגיע אין סטעיט געביידעס. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק סטעיט'ס קלימאט פלאן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט NYPA צו רעדוצירן די קארבאן באנוץ ביי די עטיקע טורמע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער דר. ען סאַליוואן האט געזאגט,** "OMH איז שטאלץ צו זיך אנשליסן מיט NYPA און מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו העלפן רעדוצירן די סטעיט'ס קארבאן באנוץ. דורך אונזער ארומנעמיגע ענערגיע שפארזאמקייט פראגראם, האט OMH דראמאטיש רעדוצירט ענערגיע באנוץ און קארבאן עמיסיעס דורכן אויסנוצן גאר ווירקזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען, LED מאדערניזירונגען, אינסטאלאציע פון א 'ברענשטאף צעל" און אריבערגאנג צו גאר שפארזאמע נאטורליכע גאז אנשטאט ברענשטאף אויל ביי אונזערע פסיכיאטרישע צענטערן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט שותפים צו נאך מער רעדוצירן ניו יארק'ס ענערגיע קאסטן און אזוי אויך די פראדוקציע פון ענווייראמענט-שעדיגנדע גאזן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "די עמפייער סטעיט פלאזא און די W. Averell Harriman די W. Averell Harriman סטעיט אפיס געביידע קאמפוס זענען צוויי פון די גרעסטע פּראפּערטיס אונטער די פארוואלטונג פון די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) און צוויי פון די גרעסטע קארבאן-ארויסלאזנדע איינריכטונגען אין ניו יארק סטעיט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט OGS דאס אוועקגעשטעלט אלס פריאריטעט צו אריינבויען ענווייראמענט-פריינטליכקייט אין אלע אונזערע אפעראציעס, אריינרעכענענדיג אין די פארוואלטונג פון אונזערע ריעל עסטעיט פראפערטיס. אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר האט OGS געארבעט פון די נאענט מיט די ניו יארק פאווער אויטאריטעט צו דורכפירן ענערגיע-שפארזאמקייט פראיעקטן אריבער אונזערע געביידעס, אריינרעכענענדיג אריבערגייען צו LED באלייכטונג און אינסטאלירן אן עלעקטרישע טשילער. מיר קוקן ארויס צו פארשטערקערן די שותפות דורך גאווערנער האקול'ס דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם, אזוי ווי מיר פלאסטערן אויס א וועג צו ווייטער רעדוצירן אונזער קארבאן באנוץ און שאפן א ריינערע, געזונטערע סביבה פאר אלע ניו יארקער."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז האט געזאגט,** "דורכן באקומען אן אנונג פון די ענערגיע און קארבאן עמיסיעס אין CUNY קאמפוסן, וועלן מיר העלפן אדרעסירן איינס פון די מערסט קריטישע און דרוקנדע אנגעלעגנהייטן פון אונזער תקופה. עס איז א פארגעניגן פאר CUNY צו זיך באטייליגן אין דעם דעקארבאניזאציע פירערשאפט פראגראם וואס וועט אונטערנעמען באדייטפולע שריט צו רעדוצירן די ווירקונג פון אונזערע געביידעס אויף די סביבה. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט NYPA אויף די נויטיגע איניציאטיוו."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוּניאר האט געזאגט,** "SUNY'ס קאנצענטרירונג אויף דאס פארקלענערן די השפעה פון קלימאט טויש נעמט אלעס אריין – אנגעהויבן פון אונזערע קלאסן וואס אונזערע פראפעסארן לערנען אויס ביז די 'דזשיאָו-טערמעל" (ערד היץ) ברונעמס וואס וועלן אנהייצן און אפקילן אונזערע לעקציע זאלן – און מיר האבן בענעפיטירט פון אינוועסטירונגען דורך גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור צו רעדוצירן די ווירקונג פון קארבאן פון SUNY'ס ריזיגע מאס פון באנוץ. די SUNY סיסטעם און אונזערע קאמפוסן זענען שטאלץ צו אריינגיין אין שותפות'ן מיט NYPA אויף די נייע קארבאן רעדוקציע איניציאטיוו צו פארשנעלערן אונזער ענערגיע אריבערגאנג."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אויך אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 פאסטנס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אויסגעטיילטע סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

**וועגן NYPA**
NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל הײדראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט איינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און גייט אונדז נאך אויף Tumblr, Instagram, Facebook, Twitter און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן